**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/20/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול פארעפנטליכט ברייטע שטיצע אונטער איר פארשלאגן צו נידערן די קאסטן פון קאר אינשורענס**

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט פארעפנטליכט שטיצע פון לאקאלע ערוועלטע באאמטע, יוניען פירער, ביזנעס און קאמיוניטי ארגעניזאציעס, און נאן-פראפיטס וועלכע שטייען אונטער איר פארשלאגן צו נידערן די קאסטן פון קאר אינשורענס

דאס איז וואס זיי האבן צו זאגן:

**MTA פארזיצער און CEO Janno Lieber (דשענאו ליבער) האט געזאגט,** "די MTA אפערירט טויזנטע וויהיקעלס אויפ'ן גאס, און דאס מאכט אונז א פאסיגע ציל-ברעט פאר אינשורענס קלאגעס—אפילו ווען אונזערע דרייווער טראגן נישט קיין גרויסע שולד. יעדער דאלאר וואס מיר געבן אויס צו באצאלן און פארטיידיגן די קלאגעס איז א דאלאר וואס קען - און וואלט געדארפט - גיין צו צושטעלן מער אפטע, מער פארלעסליכע סערוויסעס. גאווערנאר Hochul's (האקול) קלוגע, געצילטע און פארשטענדליכע קאר אינשורענס רעפארמען זענען פונקט דאס וואס מען דארף אין דעם מאמענט, און MTA רייזנדע זענען דאנקבאר פאר איר פירערשאפט."

**ניו יארק סטעיט אפיס פאר עלטערע מענטשן (Office for the Aging) צייטווייליגער דירעקטאר, Greg Olsen (גרעג אלסען), האט געזאגט,** "עלטערע מענטשן זענען צווישן די זיכערסטע דרייווערס. סטאטיסטיש זענען זיי פארמישט אין די ווייניגסטע עקסידענטן אין פארגלייך צו אנדערע עלטערס, אבער פילע פון זיי מוטשענען זיך מיט הויכע פרימיומס. קאר אייגנטומערשאפט און אינשורענס שוץ מאסנאמען זענען באזונדערס קריטיש פאר פילע עלטערע מענטשן צו קענען בלייבן זעלבסטשטענדיג. איך אפלאדיר די גאווערנער פארן גיבן א לייזונג פאר די פילע זאכן וואס טרייבן ארויף קאסטן וועלכע קענען שטעלן די זעלבסטשטענדיגקייט אין געפאר, אלס טייל פון די גאווערנער'ס דרייסטע אפארדעביליטי אגענדע."

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון פינאנציעלע סערוויסעס (Department of Financial Services) עקטינג סופעראינטענדענט Kaitlin Asrow (קעיטלין עסראו) האט געזאגט,** "גאווערנאר Hochul (האקול) האט פארגעשלאגן א שטארקע און ברייטע פלאן צו מאכן קאר אינשורענס מער עפארדעבל בשעת'ן אנהאלטן א סטאבילע און פארמעסטנדע אינשורענס מארקעט. די DFS איז שטאלץ צו ארבעטן מיט אגענטורן אריבער די סטעיט רעגירונג צו איינפירן די גאווערנער'ס פארשלאגן און אהערשטעלן באדייטפולע איינגעשפארטע געלט פאר ניו יארקער."

**קווינס קאונטי דיסטריקט עטארני Melinda Katz (מעלינדע קץ) האט געזאגט,** "אלס די דיסטריקט עטארני פאר קווינס קאונטי, האב איך ערשטהאנטיג געזעהן די פארשפרייטקייט פון געפלאנטע קאר פארברעכנס. מיין אפיס פירט אויס איר פליכט צו אויספארשן און ברענגען קלאגעס קעגן שווינדלער וועלכע פלאנירן אויס סכנות'דיגע עקסידענטן פאר די איינציגסטע צוועק פון ארויסנעמען געלט פון אומשולדיגע דרייווערס. דאס פארשטערקערן שוץ מאסנאמען קעגן שווינדלערייען איז פונקט אזוי וויכטיג צו היטן אויף די זיכערהייט פון די פובליקום און צו פארמיידן באהאלטענע קאסטן פון ווערן ארויפגעלייגט

אויף אלע געזעץ-אויספאלגנדע דרייווערס אין די פארעם פון העכערע אינשורענס ראטעס. גאווערנער Kathy Hochul'ס (קעטי האקול) פארשלאגן וועלן גיבן פאר געזעץ אינפארסירונג און רעגולאטארישע קערפערשאפטן נאך כלים צו אפשטעלן די אביוז און באשיצן דרייווערס בשעת'ן אראפנידערן קאסטן. איך באדאנק די גאווערנער פאר איר פירערשאפט."

**מאנראו קאונטי דיסטריקט עטארני Brian Green (ברייען גרין) האט געזאגט,** "דרייוון אן קיין אינשורענס איז נישט קיין פארברעכנס וואס ברענגט נישט קיין שאדן, וויבאלד שאפט ריזיקעס פאר יעדער איינער אפילו מער ווי בלויז די פיזישע שאדן אדער פראפערטי שאדן, און טוט אויך ארויפטרייבן קאסטן פאר יעדער געזעץ-אויספאלגנדע דרייווער. גאווערנאר Hochul'ס (האקול) ברייטע פלאן צו באקעמפן די אויסגעפלאנטע אקסידענטן, האלטן פאראנטווארטליך די וואס פירן עס דורך, און פארשליסן קאסטבארע לעגאלע לעכער, וועט העלפן מאכן קאר אינשורענס מער עפארדעבל פאר יעדער איינער, מאכנדיג אונז אלע מער פארזיכערט. דאס איז א קלוגע פובליק זיכערהייט צוגאנג וואס באשיצט פאמיליעס בשעת'ן פארזיכערן פאראנטווארטליכקייט פאר די וואס דרייוון אומלעגאל אן קיין אינשורענס."

**סיטי פון ניובורג מעיאר Torrance Harvey (טארענס הארווי) האט געזאגט,** "איך וויל באדאנקען גאווערנאר Hochul (האקול) פאר'ן אדרעסירן די שטייגנדע קאסטן פון קאר אינשורענס וואס טוט אפעקטירן קאמיוניטיס דורכאויס ניו יארק. אין די סיטי פון ניובורג, ווייסן מיר וויאזוי שנעל-שטייגנדע פרימיומס קענען איבערשטרענגען ארבעטנדע פאמיליעס וועלכע זענען אנגעוויזן אויף זייערע וויהיקעלס אנצוקומען צו די ארבעט, שולע און מעדיצינישע אפוינטמענטס. אבער דאס טוט אויך אפעקטירן אונזערע סיטי אפעראציעס. מיר האלטן אויף צענדליגע מוניציפאלע וויהיקעלס וועלכע שטיצן פובליק זיכערהייט, ריינקייט און פובליק ארבעט, און ווען אינשורענס קאסטן גייען ארויף, זענען שטייער-צאלער די וועלכע באצאלן דערפאר צום סוף. באמיאונגען צו באקעמפן שווינדלעריי, האלטן די שווינדלער פאראנטווארטליך, און ברענגען מער יושר'דיגקייט צו די סיסטעם וועט העלפן פארגרינגערן יענער דרוק. פאר סיטיס ווי ניובערג, איז עס אלס איבער באשיצן איינוואוינער'ס טייסטערס בשעת'ן זיכער מאכן אז מיר קענען ווייטער צושטעלן די סערוויסעס אויף וואס אונזער קאמיוניטי פארלאזט זיך יעדן טאג."

**סיטי פון קינגסטען מעיאר Steve Noble (סטיוו נאובעל) האט געזאגט,** "א דאנק צו גאווערנאר Hochul (האקול) פאר איר פירערשאפט אין אדרעסירן די שטייגנדע קאסטן פון קאר אינשורענס דורכאויס ניו יארק. ווען שווינדלעריי און איבעריגע קלאגעס טרייבן ארויף פרימיומס, ווערט די השפעה דערפון געשפירט נישט נאר דורך איינוואוינער, נאר אויך דורך לאקאלע רעגירונגען. די סיטי אפערירט א גרויס צאל וויהיקעלס צו אויפהאלטן שאסייען, רעאגירן צו עמערדשענסיס, און צושטעלן וויכטיגע סערוויסעס, און נידערן די אינשורענס קאסטן וועט אונז ערמעגליכן צוריק צו אינוועסטירן שטייער-צאלער דאלארן אין אונזערע געגנטער. די באמיאונגען צו פארמערן פאראנטווארטליכקייט און פארבעסערן דורכזיכטיגקייט זענען וויכטיגע שריט אינעם ריכטונג פון שאפן א מער יושר'דיגע סיסטעם וואס באשיצט סיי איינוואוינער און סיי מוניציפאליטעטן."

**סיטי פון מידעלטאון Joe DeStefano (דשאו דיסטעפענאו) האט געזאגט,** "איך זעה ערשטהאנטיג וויאזוי שטייגנדע קאר אינשורענס קאסטן טוען אפעקטירן נישט נאר אונזערע איינוואוינער און קליינע ביזנעסער, נאר אויך אונזער סיטי רעגירונג. ווען פרימיומס הייבן זיך צוליב שווינדלעריי און לעכער אינעם סיסטעם, זענען שטייער-צאלער די וואס באצאלן דערפאר צום סוף. די סיטי פון מידעלטאון האלט אויף א פלאטע פון וויהיקעלס צו צושטעלן וויכטיגע סערוויסעס, פון פובליק ארבעט צו פובליק זיכערהייט, און רעדוצירן אינשורענס קאסטן אויף די וויהיקעלס וועט ברענגען עכטע שפארונגען וואס קען צוריק אריינגעלייגט ווערן אין סערוויסעס פאר אונזערע איינוואוינער. גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פארשלאגן צו באקעמפן אויסגעפלאנטע אקסידענטן, פארמערן פאראנטווארטליכקייט, און מאדערניזירן אונזערע אינשורענס געזעצן זענען פארשטענדליכע רעפארמען וועלכע וועלן העלפן רעדוצירן קאסטן און באשיצן שטייער-צאלער."

**ווילעדש פון רייגבעק מעיאר אנערעבעל Gary Bassett (גערי בעסעט) האט געזאגט,** "אלס די מעיאר פון די ווילעדש פון רייגבעק, ווייס איך אז אונזערע איינוואוינער ווילן מער פארזיכערטע גאסן און א יושר'דיגע אינשורענס סיסטעם וואס באשטראפט נישט קיין געזעץ-איינהאלטנדע דרייווער. איך דאנק Kathy Hochul (קעטי האקול) פאר'ן פאראויסריקן פארשטענדליכע רעפארמען צו באקעמפן שווינדלעריי, פארמערן דורכזיכטיגקייט, און האלטן שווינדלער פאראנטווארטליך. די שריט וועלן העלפן נידערן קאסטן און צוריקשטעלן געלטער אין די טאשן פון שווער-ארבעטנדע ניו יארקער."

**ווילעדש פון סליפי האלאו מעיאר Marjorie Hsu (מארדשארי שוא) האט געזאגט,** "ווילעדשעס אין די האדסאן וואלי באצאלן געוויסע פון די טייערסטע ראטעס אינעם קאונטי צו אנהאלטן אינשורענס אויף זייערע וויהיקעלס. מיט 92 וויהיקעלס אין אונזער פלאטע, וועט די פארשלאג דורך גאווערנאר Hochul (האקול) צו אראפברענגען קאר אינשורענס קאסטן שפארן שטייער-צאלער געלטער און נידערן קאסטן פאר ארבעטנדע פאמיליעס אין סליפי האלאו. איך אפלאדיר די גאווערנאר'ס פארפליכטונג צו האלטן ניו יארק עפארדעבל."

**סיטי פון איטיקא מעיאר Robert Cantelmo (ראבערט קענטעלמאו) האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנאר Hochul'ס (האקול) אינשורענס רעפארמען פארשלאג. די רעגירונג אנערקענט אז גאר הויכע פרימיומס זענען בלויז נאך א לאסט אויף ניו יארקער וואס מוטשענען זיך צו דעקן די הוצאות. דורך באקעמפן שווינדלעריי און באגרעניצן אויסצאלונגען פאר אומגעזעצליכע אויפפירונג, טוט זי האלטן געלטער אין די טאשן פון טאג-טעגליכע מענטשן אנשטאטס צולייגן צו די פארדינסטן פון אינשורענס פירמעס."

**סיטי פון פיקסיל מעיאר Vivian McKenzie (וויוויען מעקענזי) האט געזאגט,** "פיקסיל פאמיליעס און קליינע ביזנעסער טוען שפירן די ענגשאפט געשאפט דורך שטייגנדע קאר אינשורענס קאסטן, און גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פארשלאג נעמט קלוגע, באלאנסירטע שטריט צו ברענגען עכטע דערלייכטערונג. דורך באקעמפן שווינדלעריי, מאדערניזירן אלטמאדישע לייעביליטי פארשריפטן, און פארמערן דורכזיכטיגקייט ארום ראטע העכערונגען, טוט די פלאן זיך נעמען צו די שורש פון דאס וואס טוט ארויפטרייבן פרימיומס פאר פאראנטווארטליכע דרייווער. די פארשטענדליגע רעפארמען וועלן מאכן אונזער סיסטעם מער יושר'דיג, באגרעניצן אויסנוצונג פונעם סיסטעם, און העלפן צוריקשטעלן געלטער אין די טאשן פון ניו יארקער וועלכע פאלגן אויס די געזעצן."

**סיטי פון ווייט פלעינס מעיאר Justin Brasch (דשאסטין ברעש) האט געזאגט,** "קאר אינשורענס פרימיומס זענען צו הויך פאר פאמיליעס אין ווייט פלעינס. מיר קענען נישט ווייטער ארויפשטעלן די קאסטן פון איבעריגע קלאגעס און שווינדלעריי אויף פאראנטווארטליכע דרייווער. די רעפארמען פאראויסגעריקט דורך גאווערנאר Hochul (האקול) טוען נעמען א ברייטע צוגאנג דורך פארשטערקערן אויספארשונגען אויף אויסגעפלאנטע אקסידענטן, איבערפרישן לייעביליטי סטאנדארטן צו רעפלעקטירן יושר'דיגקייט און פאראנטווארטליכקייט, און ברענגען מער דורכזיכטיגקייט צו ראטע העכערונגען. און טוען פונקט אזוי וויכטיג, דירעקטירן רעגולירער צו פארזיכערן אז איבעריגע פארדינסטן ווערן צוריקגעגעבן פאר פאליסי-האלטער, קלאר מאכנדיג אז שפארונגען זאלן גראד צוריקגיין צו קאנסומער. די פארשלאגן וועלן רעדוצירן אינשורענס פרימיומס פאר שווער-ארבעטנדע פאמיליעס און עלטערע מענטשן, באקעמפן שווינדלעריי און איבעריגע קלאגעס, בשעת'ן צוריקשטעלן באלאנס צו די סיסטעם."

**ווילעדש פון טעריטאון מעיאר Karen Brown (קערען בראון) האט געזאגט,** "הויכע קאר אינשורענס ראטעס האבן געפלאגט ניו יארקער פאר ווי לאנג איך געדענק נאר און זענען אן עכטע לאסט פאר פילע ניו יארקער. איך וויל באדאנקען Kathy Hochul (קעטי האקול) פאר'ן פאראויסריקן די פארשלאג, וואס קען ברענגען באדייטפולע הילף אין א צייט ווען אזויפיל פאמיליעס מוטשענען זיך. די ביל זוכט צו

אדרעסירן די שווינדלעריי וואס טרייבט ארויף ראטעס בשעת'ן באשיצן די רעכטן פון עכטע באטראפענע פון אקסידענטן צו באצאלט ווערן פאר שאדנס."

**ווילעדש פון העווערסטראו מעיאר Michael Kohut (מייקעל קאוהוט) האט געזאגט,** "קאר אינשורענס זאל באלוינען פאראנטווארטליכע דרייווער, נישט זיי באשטראפן. איך שטיץ גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פארשלאג צו איינצוימען די ערנסטע שאדן סטאנדארט, פארבעסערן שווינדלעריי ענפארסירונג, און פארזיכערן אז קאנסומער זעהן ריפאנדס ווען אינשורענס פארדינסטן שטייגן איבער פארשטענדליכע שטאפלען. די געצילטע רעפארמען וועלן העלפן נידערן קאסטן און צוריקשטעלן יושר'דיגקייט פאר פאמיליעס אין העווערסטראו."

**טאון פון אלעגאני סופערוויזאר Chris McPherson (קריס מעקפערסאן) האט געזאגט,** "נידערן קאר אינשורענס איז איבער עפארדעבילטי און יושר'דיגקייט. איך ווער ערמוטיגט פון זעהן די גאווערנאר'ס פארשלאגן וועלכע אדרעסירן שווינדלעריי און באלוינען פארזיכערטע דרייווער, און איך קוק ארויס אויף די רעפארמען צו העלפן ניו יארקער איינוואוינער האלטן מער געלט אין זייערע טאשן."

**טאון פון בעדפארד סופערווייזאר Ellen Calves (עלען קאלווס) האט געזאגט,** "בעדפארד איינוואוינער ערווארטן אן אינשורענס סיסטעם וואס איז יושר'דיג, דורכזיכטיג, און געצילט אויף באשיצן געזעץ-איינהאלטנדע דרייווער. איך שטיץ גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פארשלאג צו פארשטערקערן ענפארסירונג קעגן שווינדלעריי, ברענגען מער קלארקייט צו לייעביליטי סטאנדארטן, און פאדערן פון אינשורער צו קלאר ערקלערן ראטע העכערונגען. דורך צאמפארן פאראנטווארטליכקייט מיט שטערקערע קאנסומער באשיצונגען, אריינגערעכנט צוריקגעבן איבעריגע פארדינסטן צו פאליסי-האלטער, טוט די פלאן העלפן פארזיכערן אז שפארונגען קומען אן צו די פאמיליעס וואס דארפן עס די מערסטע."

**טאון פון בעבילאן סופערווייזאר Rich Schaffer (ריטש שעיפער) האט געזאגט,** "אויף לאנג איילענד, וואו פאמיליעס מוטשענען זיך שוין אזוי אויך מיט הויכע לעבנס קאסטן, טוען שטייגנדע קאר אינשורענס פרימיומס פאראורזאכט דורך אויסגעפלאנטע אקסידענטן און שווינדלעריי בלויז צולייגן צו די פינאנציעלע לאסט. די שווינדלערייען טרייבן ארויף קאסטן פאר פאראנטווארטליכע ארנטליכע דרייווערס. איך באדאנק גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר פירערשאפט ביים זיך באנעמען מיט אינשורענס שווינדלעריי און קעמפן צו צוריק אריינלייגן געלט אין די קעשענעס פון לאנג איילענד איינוואוינער."

**טאון פון גרינבורג סופערווייזאר Paul Feiner (פאול פיינער) האט געזאגט,** "גרינבורג איינוואוינער זענען בארעכטיגט צו א קאר אינשורענס סיסטעם וואס איז יושר'דיג, דורכזיכטיג, און געצילט אויף באשיצן פאראנטווארטליכע דרייווער," האט געזאגט גרינבורג טאון סופערווייזער Paul Feiner (פאול פיינער). "איך שטיץ גאווערנאר Kathy Hochul'ס (קעטי האקול) ברייטע פארשלאג צו באקעמפן שווינדלעריי, פארשטערקערן ענפארסירונג קעגן אויסגעפלאנטע אקסידענטן און אויסנוצנדע קלאגעס, און איבערפרישן לייעביליטי פארשריפטן וועלכע טוען צו אפט טרייבן איבעריגע קלאגעס. דורך פארזיכערן אז מענטשן ווערן געהאלטן פאראנטווארטליך פאר זייערע בארעכטיגטע טייל פון די שאדן, פארמערן דורכזיכטיגקייט ארום ראטע העכערונגען, און פאראדרענען רעגולירער צו צו צוריקגעבן איבעריגע פארדיסנטן פאר פאליסי-האלטער, טוט די פלאן צושטעלן באדייטפולע קאנסומער באשיצונגען. די רעפארמען וועלן העלפן נידערן קאסטן פאר שוואר-ארבעטנדע פאמיליעס אין גרינבורג בשעת'ן אנהאלטן פאראנטווארטליכקייט און אויפריכטיגקייט אין אונזער אינשורענס סיסטעם."

**ניו יארק סיטי קאונסיל ספיקער, Julie Menin (דזשולי מענין), האט געזאגט,** "ניו יארקער קומען זיך אפאָרדעבעל קאר אינשורענס און זיי קומען זיך קלארע ענטפערס ווען זייערע פרימיומס גייען ארויף. איך באדאנק די גאווערנער פאר אירע פארשלאגן וועלכע וועלן העלפן זיך שטרענג באגיין מיט שווינדלעריי און אביוּז בשעת'ן פארמערן אפנקייט כדי פאליסי האלטער זאלן פארשטיין וואס זיי באצאלן און פארוואס.

אונזער סיטי קאונסיל איז איבערגעגעבן צו שטיצן די שריט וועלכע פארמערן אפנקייט און מאכן זיכער אז די סיסטעם ארבעט פאר ניו יארקער, נישט פאר מענטשן וואס פרובירן צו אויסשפילן די סיסטעם."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגליד Kamillah Hanks (קאמילע הענקס) האט געזאגט,** "גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פארשלאגן טוען נעמען באדייטפולע שריט אינעם ריכטונג פון מאכן קאר אינשורענס מער עפארדעבל פאר ניו יארקער, ספעציעל פאר ארבעטנדע פאמיליעס אין סטעטן איילענד און דורכאויס ניו יארק סיטי. דורכן זיך שטרענג באגיין מיט שווינדלעריי און פארמאכן לעגאלע שפאלטן, העלפן די מאסנאמען זיכער מאכן אז ארנטליכע דרייווערס ווערן מער נישט געצווינגען צו נעמען אויף זיך די קאסטן וועלכע ווערן פאראורזאכט דורך מענטשן וואס פרובירן צו אויסשפילן די סיסטעם. דאס איז א פראקטישע און נויטיגע צוגאנג וואס שטעלט ניו יארקער ערשט און רוקט אונז נאענטער צו עכטע אפארדעביליטי."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגליד Selvena N. Brooks-Powers (סעלווענע נ. ברוקס פאויווערס) האט געזאגט,** "גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פארשלאגן זענען א וויכטיגע שריט אינעם ריכטונג פון רעדוצירן אינשורענס קאסטן פאר ניו יארקער וועלכע מוטשענען זיך שוין אזוי אויך צו באצאלן זייערע בילס. פארמערטע קאר אינשורענס אפנקייט איז קריטיש צו פארזיכערן א יושר'דיגע און גערעכטע מארקעט פאר דרייווערס אריבער די סטעיט, און עס בויט ארויף אויף די אינשורענס קאסטן רעדוקציעס פאר וועלכע איך האב געשטופט אלס פארזיצערין פון די קאמיטע אויף טראנספארטאציע און אינפראסטרוקטור (Committee on Transportation and Infrastructure) צו באשיצן מענטשן וואס דרייוון פאר באצאלונג. איך קוק ארויס צו זעהן די שוץ מאסנאמען ווערנדיג איינגעפירט צו העלפן באשיצן די געהאלטן פון שווער-ארבעטנדע ניו יארקער פון אומנויטיגע קאר אינשורענס קאסטן."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגלידערין, Elsie Encarnacion (עלסי ענקארנאַסיאָון), האט געזאגט,** "מיט די רעאליטעט פון קאסטן אויסלייזדיגנדיג מענטשן'ס בערזלערך, זענען ארומנעמיגע שריט צו פארלייכטערן די פינאנציעלע דרוק וואס שטייען פאר ניו יארקער וועלכע ווילן אדער דארפן דרייוון מער קריטיש פון סיי ווען בעפאר. איך וויל באדאנקען גאווערנער Hochul (האקול) פארן פארשלאגן די שכל'דיגע רעפארמען צו אראפנידערן קאר אינשורענס פרייזן, און איך קוק ארויס צו ארבעטן צוזאמען מיט די גאווערנער אויף צוקונפטיגע באמיאונגען צו מאכן אלע פארעמעס פון טראנספארטאציע מער אפאָרדעבעל און צוגענגליך פאר ניו יארקער פון אלע איינקונפט שטאפלען."

**סיטי פון ראטשעסטער קאונסיל פרעזידענט Miguel A. Melendéz Jr. (מיגועל א. מעלענדעז דשוניאר) האט געזאגט,** "ניו יארקער באצאלן איבער 4,000 דאלאר א יאר אין דורכשניט פאר קאר אינשורענס, אסאך צו הויך פאר ארבעטנדע פאמיליעס וואס האבן שוין אזוי אויך נישט גענוג. שווינדלעריי, אויסגעפלאנטע אקסידענטן און לעגאלע לעכער טוען ארויפטרייבן פרימיומס, און עס איז צייט צו שטעלן א ענדע דערצו. גאווערנאר Hochul (האקול) טוט נעמען שטייפע, פארשטענדליכע שריט זיך שטרענג צו באגיין אנטקעגן שווינדלערישע אויסנוצונג פונעם סיסטעם, פארמאכן קאסטבארע לעגאלע לעכער, און פארמערן דורכזיכטיגקייט כדי עכטע שפארונגען זאלן אנקומען צו דרייווער. איך טוה שטארק שטיצן די באמיאונגען צו נידערן קאסטן, באשיצן קאנסומער, און ענדליך ברענגען דערלייכטערונג פאר מיינע שכנים."

**סיטי פון ראטשעסטער קאונסיל מיטגליד Mitch Gruber (מיטש גרובער) האט געזאגט,** "איך שטיץ גאווערנאר Hochul'ס (האקול) עפארדעביליטי אגענדע און אפלאדיר איר פארשלאגן צו אדרעסירן די הויכע לעבנס קאסטן. ניו יארקער באצאלן אן איבערגעוועלניך-הויכע סומע פאר סערוויסעס ווי קאר אינשורענס, און מיר דארפן טוהן אלס וואס מיר קענען צו אראפברענגען די קאסטן."

**מענהעטען באראו פרעזידענט Brad Hoylman-Sigal (ברעד האולמען-סיגעל) האט געזאגט,** "מענהעטען'ס פיסגייער, ביציקל-רייזנע און פאראנטווארטליכע דרייווער זענען בארעכטיגט צו גאסן וועלכע זענען מער פאריזערט און מער יושר'דיג. גאווערנער Hochul'ס (האקול) פארשלאגן אנערקענען

ריכטיגערהייט אז דרייוווערס וועלכע פארלעצן דעם געזעץ קומען זיך נישט צו באלוינט ווערן מיט ריזיגע סומעס וואס פירן למעשה צו קאסטן ווערנדיג געהעכערט פאר יעדן איינעם אנדערש. דורכאויס מיין צייט אין די סטעיט סענאט, האב איך געשטיצט מאסנאמען צו פארשטערקערן פאראנטווארטליכקייט און באשיצן ניו יארקער פון געפארפולע דרייווען און אינשורענס אביוז, און איך לויב אויס די גאווערנער פארן פאראויס שטופן רעפארמען וועלכע לייגן פריאריטעט אויף גאסן זיכערהייט, יושר און אפארדעביליטי."

**סאפאוק קאונטי לעגיסלאטור מינאריטעט פירער Jason A. Richberg (דשעיסען א. ריכטבורג) האט געזאגט,** "דורכאויס דעם באורד, ווערן ניו יארקער באטראפן דארט וואו עס טוט וויי די מערסטע — זייערע טייסטערס — און עס איז קריטיש וויכטיג אז מיר טוען אלס וואס מיר קענען צו דערלייכטערן יענער לאסט. אין לאנג איילענד, פארלאזן זיך פאמיליעס אויף זייערע קארן צו אנקומען צום ארבעט, אין סקול און צו מעדיצינישע אפוינטמענטס, און עס קומט זיך זיי נישט צו באשטראפט ווערן מיט אינשורענס פרימיומס וואס זענען צווישן די העכסטע אין דאס לאנד צוליב שווינדלעריי און אביוז אין די סיסטעם. גאווערנער Hochul (האקול)'ס קאנצענטראציע זיך צו שטרענג באנעמען מיט בדווקא'דיגע עקסידענטן און צו עלימינירן קאסטליכע שפאלטן וועט העלפן אראפנידערן די פרימיומס און וועט האבן א באדייטפולע השפעה אויף די חודש'ליכע בודזשעטס פון ארבעטנדע פאמיליעס. ביים שורש, רעדן מיר פון אפארדעביליטי, יושר און שטעלן די געברויכן פון שווער-ארבעטנדע איינוואוינער העכער פון אינשורענס פירמעס."

**סופאָלק קאונטי לעגיסלאטאר, Tom Donnelly (טאם דאנעלי), האט געזאגט,** "אריבער גאנץ סופאָלק קאונטי און ניו יארק סטעיט, זענען קאסטן שוין סיי ווי הויעך, מיט מענטשן דארפנדיג אויסגעפונען וויאזוי זיי וועלן קענען באצאלן פאר יוטיליטי בילס, גראסעריס, העלטקעיר און אנדערע פונדאמענטאלע געברויכן. דאס באצאלן טייל פון די העכסטע אינשורענס פרימיומס אין דאס לאנד מאכט דאס אפילו שווערער. איך באדאנק גאווערנער Hochul (האקול) פארן שטיין אין שפיץ פון די וועג ביים זוכן וועגן וויאזוי צו קאנטראלירן וואקסנדע קאר אינשורענס ראטעס כדי אונזערע שווער-ארבעטנדע איינוואוינער זאלן קענען פארזעצן זיך צו ערלויבן צו בלייבן דא."

**טאון פון אלעגאני סופערוויייזאר Chris McPherson (קריס מעקפערסאן) האט געזאגט,** "נידערן קאר אינשורענס איז איבער עפארדעביליטי און יושר'דיגקייט. איך ווער ערמוטיגט פון זעהן די גאווערנאר'ס פארשלאגן וועלכע אדרעסירן שווינדלעריי און באלוינען פארזיכערטע דרייווער, און איך קוק ארויס אויף די רעפארמען צו העלפן ניו יארקער איינוואוינער האלטן מער געלט אין זייערע טאשן."

**ניו יארק סטעיט פאראייניגטע לערערס (New York State United Teachers, NYSUT) פרעזידענט Melinda Person (מעלינדע פערסאן) האט געזאגט,** "ביי NYSUT, איז עפארדעביליטי נישט קיין לויזונג; עס איז עפעס וואס אונזערע מיטגלידער ספראוועגען זיך מיט אין זייערע קאמיוניטיס און אין זייערע אייגענע מאנאטליכע בילס. ווען פאמיליעס ווערן שטארק איבערגעשטרענגט, שפירט עס יענער איינער. פאר ארבעטנדע מענטשן וועלכע פארלאזן זיך אויף זייערע קארן צו אנקומען צום ארבעט און זיך זארגן פאר זייערע פאמיליעס, זענען שנעל-שטייגנדע אינשורענס ראטעס בלויז נאך אן עול אויף שוין אזוי אויך איבערגעשטרענגטע בודשעטן. פובליק פאליסי דארף באשיצן ארבעטנדע פאמיליע, נישט באצאלטע פארדינסטן. נידערן קאסטן און פארזיכערן יושר'דיגקייט טוט פארשטערקערן קאמיוניטיס און ברענגען סטאביליטעט. אין ניו יארק, זאלן פאמיליעס זיך נישט דארפן בלויז דורכשטיפן; עס קומט זיך זיי א געלעגנהייט צו בליען."

**פאראייניגטע יוניווערסיטעט פאכן (United University Professions, UUP) Fred Kowal (פרעד קאוואל) האט געזאגט,** "קאר אינשורענס ראטעס אין ניו יארק סטעיט זענען צווישן די העכטסטע אינעם לאנד און טוען ווייטער שטייגן העכער און העכער, נאך מער שאדנדיג פאר ארבעטנדע פאמיליעס וועלכע געבן שוין אויס מער אויף גראסעריי, האוינג און פארשידענע אנדערע זאכן אפעקטירט דורך די Trump (טראמפ) טאריפס. מיר שטיצן די גאווערנאר'ס פשוט'ע, פארשטענדליכע פלאן צו רעפארמירן די

אלטמאדישע געזעצן וועלכע טוען צולאזן אינשורענס שווינדלעריי און וועלכע עפענען די טירן פאר צו-אגרעסיווע אדוואקאטן צו געווינען ריזיגע סומעס פאר אומפאראנטווארטליכע דרייווער אדער פאר די וועלכע טוען בדווקא פאראורזאכן אקסידענטן. די גאווערנאר האט פונקט גוט צוגעטראפן מיט איר פלאן, וואס וועט אויב עס ווערט איינגעפירט, שליכטן די לאנג-אנהאלטנדע פראבלעם און זושטעלן באגריסנדע פינאנציעלע דערלייכטערונג פאר געזעץ-אויספאלגנדע, שווער-ארבעטנדע ניו יארקער."

**ניו יארק סיטי פאליציי בענעוואלענט עסאוסיעישען (New York City Police Benevolent Association) פרעזידענט Patrick Hendry (פעטריק הענדרי) האט געזאגט,** "אונזערע מיטגלידער טוען נישט בלויז באלטן ניו יארקער פארזיכערט אויף די גאסן. מיר ספראוועונען זיך מיט די זעלבע הויכע קאסטן פון דרייווען ווי יעדער אנדערע ניו יארקער, אריינגערעכנט הויכע אינשורענס פרימיומס. מיר אפלאדירן די גאווערנאר'ס באמיאונגען צו רעדוצירן די קאסטן און מאכן ניו יארק עפארדעבל פאר ארבעטס-קלאס פאמיליעס ווי אונזערע."

**מאנראו קאונטי שעריף'ס פאליציי בענעוואלענט עסאוסיעישען, אינק (Monroe County Sheriff's Police Benevolent Association) פרעזידענט Richard Tantalo (ריטשארד טענטעלאו) האט געזאגט,** "איך בין פולקאם אין שטיצע פון גאווערנאר Hochul'ס (האקול) ברייטע צוגאנג צו אדרעסירן די שטייגנדע קאסט פון קאר אינשורענס אין ניו יארק סטעיט. דורך צילן שווינדלערישע קלאגעס און פארזיכערן אז קאנסומער, נישט אינשורענס פירמעס, ווערן פריאריטיזירט, וועלן די פארשלאגן ברענגען שטארק-נויטיגע דערלייכטערונג פאר שווער-ארבעטנדע ניו יארקער. די גאווערנאר'ס פארפליכטונג זיך שטרענג צו נעמען צו שווינדלעריי און באגרעניצן באצאלונגען פאר שווינדלער איז א קריטישע שריט צו מאכן קאר אינשורענס מער עפארדעבל פאר יעדער איינער. מיר באגריסן איר באמיאונגען צו באשיצן געזעץ-איינהאלטנדע בירגער און פארזיכערן אז אונזער אינשורענס סיסטעם איז יושר'דיג און דורכזיכטיג."

**די ביזנעס קאונסיל פון ניו יארק סטעיט, אינק (The Business Council of New York State, Inc.) פרעזידענט און CEO Heather Mulligan (העטער מאליגען) האט געזאגט,** "די ביזנעס קאונסיל איז צופרידן צו זעהן א פעקל פון באדייטפולע אינשורענס רעפארמען אין גאווערנאר Hochul'ס (האקול) סטעיט בודשעט פארשלאג צו אדרעסירן די וויכטיגע גורמים פון הויכע פרימיומס, אריינגערעכנט אינשורענס שווינדלעריי, איבעריגע קלאגעס, אלטמאדישע לעגאלע סטאנדארטן און לעכער אין ענפארסירונג. די רעפארמען וועלן שטיצן זיכערערע שאסייען, מער יושר'דיגע כללים און מער אפאָרדעבעל קאר אינשורענס פאר ניו יארק'ס פאמיליעס און ארבעטסגעבער."

**פארטנערשיפ פאר ניו יארק סיטי (Partnership for New York City) פרעזידענט און CEO Steven Fulop (סטיווען פולאפ) האט געזאגט,** "קאר אינשורענס פרימיומס אין ניו יארק, זענען אין דורכשניט 52 פראצענט טייערע ווי אין די איבעריגע טיילן פונעם לאנד. די שפאלט אין אפארדעביליטי איז געווען פארוואס די גאווערנער'ס רעפארמען זענען אזא וויכטיגע זיג פאר ניו יארק סיטי'ס פאמיליעס און ביזנעסער, אזוי ווי זיי טוהען זיך ענדליך באנעמען מיט די ארגאניזירטע שווינדלערייען און לעגאלע 'דריידלעך' וועלכע האבן ארויפגעלייגט אן אומיושר'דיגע לאסט אויף ארנטליכע דרייווערס פאר צו לאנג. דורכן צוזאמפארן אן אגרעסיווע אינפארסירונג קאמפיין קעגן בדווקא'דיגע עקסידענטן מיט שכל'דיגע ענדערונגען צו די כללים פון פאראנטווארטליכקייט אין פאל ווען די שולד איז צוטיילט צווישן עטליכע פארטייען און אזוי אויך די אפטייטש פון 'ערנסטע וואונדן' — ציהלט די פלאן אויף די הינזיכטן וואס ליגן ביים שורש פונעם ארויפטרייבן פרימיומס גאר הויעך אריבער די 'עמפייער סטעיט'. די דרייסטע צוגאנג וועט אראפטרייבן די קאסטן אין די פינף בעראוס און צוריק אריינלייגן געלט אין די קעשענעס פון יעדן ניו יארקער."

**נאציאנאלע פעדערעישען פון זעלבסטשטענדיגע ביזנעסער (National Federation of Independent Business, NFIB) ניו יארק סטעיט דירעקטאר Ashley Ranslow (עשלי רענסלאו)**

**האט געזאגט,** "NFIB טוט אויסלויבן גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) פאר'ן זיך נעמען צו די קאר אינשורענס עפארדעביליטי קריזיס וואס אפעקטירט אלע ניו יארקער, אריינגערעכנט קליינע ביזנעסער. קליינע ביזנעסער טוען אפטמאל ציטירן די הויכע קאסטן פון אינשורענס פרימיומס אלס א גרויסע פראבלעם און טוען זוכן פאר הילף דורך פרימיום רעדוקציעס. די גאווערנאר'ס פארשלאגן צו באקעמפן שווינדלעריי און באגרעניצן אומנויטיגע און טייערע קלאגעס זענען קריטיש וויכטיג פאר די באמיאונג צו אראפברענגען קאר אינשורענס פרימיומס פאר מעין סטריט. לאמיר זיך נישט טועה זיין, שווינדלעריי און קלאגעס וועלכע זענען ארויס-פון-קאנטראל טוען ארויפטרייבן אינשורענס פרימיומס פאר קליינע ביזנעסער און קאנסומער. די פארשטענדליכע רעפארמען אדאפטירט דורך אנדערע סטעיטס זאלן אויפגענומען ווערן דא אין ניו יארק."

**NAACP New York State Conference עקזאמישע אנטוויקלונג פארזיצער, Garry Johnson (גערי דזשאנסאן), האט געזאגט,** "גאווערנער Hochul (האקול)'ס פארשלאגן צו רעפארמירן ניו יארק'ס קאר אינשורענס מארקעט זענען א נויטיגע אינטערוועניץ פון וועלכע ניו יארקער אריבער די סטעיט וועלן בענעפיטירן. דורכן זיך שטרענג באגיין מיט שווינדלעריי וואס בלאזט שוין פון לאנג אויף פרימיום קאסטן, טוט די גאווערנער אדרעסירן די אורזאכן וואס ליגן ביים שורש פון אונזער סטעיט'ס אפארדעביליטי קריזיס. דאס זענען שכל'דיגע רעפארמען און א טריט אין די ריכטיגע ריכטונג פאר יעדן איינעם. די NAACP New York State Conference איז שטאלץ צו שטיצן די פארשלאגן."

**AAA ניו יארק סטעיט לעגיסלאטיווע קאמיטעט (Legislative Committee) פארזיצער John Corlett (דשאן קארלעט),** "ניו יארקער באצאלן געוויסע פון די העכסטע קאר אינשורענס ראטעס אינעם לאנד. בלויז שווינדלעריי טוט העכערן פרימיומס מיט אזויפיל ווי 300 דאלאר א יאר. די גאווערנאר'ס ברייטע פלאן וועט ברענגען שטארק-נויטיגע פינאנציעלע דערלייכטערונג פאר קאנסומער."

**בירגער בודעשט קאמיסיע (Citizens Budget Commission) פרעזידענט Andrew Rein (אנדרוא רעין) האט געזאגט,** "מיר באגריסן גאווערנאר Hochul (האקול) פאר'ן פארשלאגן פארשטענדליכע קאר אינשורענס רעפארמען, וועלכע קענען אראפברענגען די הימל-שרייענדע פרימיומס וואס ניו יארקער איינוואוינער און ביזנעסער באצאלן. די רעפארמען וועלן ריכטיגערהייט ברענגען ניו יארק צו זיין אין איינקלאנג מיט אנדערע סטעיטס און איינשפארן געלט פאר ניו יארקער אן צולייגן קאסטן פאר די סטעיט רעגירונג. עס איז א קלוגע אויסוואהל."

**טעק:NYC פרעזידענט און CEO Julie Samuels (דשולי סעמיועלס) האט געזאגט,** "Tech:NYC טוט שטארק שטיצן די גאווערנאר'ס פארשלאג צו אראפברענגען קאר אינשורענס קאסטן. מיר וויל מער פארזיכערטע גאסן און יושר פאר אלע באטראפענע פון אקסידענטן. אבער מיר קענען אויך נישט איגנארירן די אינשורענס קאסטן וועלכע טוען ארויפטרייבן די לעבנס קאסטן פון ניו יארקער. גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פארשלאג טוט צוריקשטעלן דעם באלאנס — באשיצנדיג לעגיטימע קלאגעס בשעת'ן אדרעסירן די קאסט-טרייבער וועלכע מאכן אונזערע פרימיומס פון צווישן די טייערסטע אינעם לאנד. עפארדעביליטי און יושר'דיגקייט דארפן גייט האנט אין האנט."

**ברוקלין טשעימבער פון האנדל (Brooklyn Chamber of Commerce) פרעזידענט און CEO Randy Peers (רענדי פירס) האט געזאגט,** "אינשורענס ראטעס געטריבן דורך שווינדלעריי און אביוז וואס זענען ארויס פון קאנטראל טוען צוגעבן צו די אלגעמיינע עפארדעביליטי קריזיס פאר סיי ביזנעסער און סיי איינוואוינער אין ניו יארק סטעיט. די Brooklyn Chamber of Commerce אפלאדירט גאווערנאר Hochul'ס (האקול) ארומנעמיגע צוגאנג זיך צו באנעמען מיט די ערנסטע פראבלעם וואס ווירקט אויף ניו יארק סטעיט'ס מעגליכקייט צו אנהאלטן פירמעס און ארבייטער און האלט אפ עקאנאמישע וואוקס."

**ברוקלין טשעימבער פון האנדל וויצע-פארזיצער Gil Cygler (גיל סיגלער) האט געזאגט,** "איך באגריס גאווערנאר Hochul (האקול) פאר'ן ברענגען אויפמערקזאמקייט צו אינשורענס שווינדלעריי וואס איז געווארן א שטילע רוצח פאר קאנסומער דורך ארויפטרייבן קאסטן נישט בלויז פון זייערע קארן, נאר אויך די קאסטן פון זייערע Uber'ס, דעליווערי'ס און קאר רענטעלס. איך בין געצוואונגען געווארן צו ארויסגיין פון די קאר רענטעל ביזנעס וואס האט געגעבן ארבעט פאר 100 ניו יארקער צוליב די באגרעניצטע מעגליכקייט צו באקומען אינשורענס פאר לאקאלע קאר רענטעל פירמעס צוליב די ברייט פארשפרייטע שווינדלעריי אין די 'נאָו-פאָולט' (אינשורענס אפגעזעהן פון שולד) אינדוסטריע. דאס איבערארבעטן די נאָו-פאָולט פראצעדורן מיט שכל'דיגע ענדערונגען קען איינשפארן פאר ניו יארקער טויזנטע דאלארן. מיינע לויבווערטער פאר גאווערנער Hochul (האקול) פאר אייער קאנצענטראציע אויף קאר אינשורענס רעפארם."

**Bronx Chamber of Commerce פרעזידענט און CEO, Lisa Sorin (ליסא סאָרין), האט געזאגט,** "גאווערנער Hochul (האקול)'ס פארשלאגן אנערקענען אז קאר אינשורענס אפארדעביליטי איז אן אנגעלעגנהייט וואס איז וויכטיג סיי פאר פריוואטע מענטשן און סיי פאר ביזנעס, און אז די צוויי זענען טיף פארבינדן. ווען שווינדלעריי, אביוז און אומנויטיגע געריכטליכע פראצעדורן טרייבן ארויף קאסטן, לייגט דאס ארויף א לאסט אויף פאמיליעס און ביזנעסער צוגלייך. דורכן זיך שטרענג באגיין מיט מענטשן וואס פרובירן צו אויסשפילן די סיסטעם און זיכער מאכן אז די איינגעשפארטע געלטער קומען אן צוריק צו פאליסי האלטער, קענען די רעפארמען האבן ווייט-גרייכנדע השפעות וועלכע פארשטערקערן ביזנעסער, סטאביליזירן פרייזן און פארלייכטערן דרוק אויף ארבעטנדע ניו יארקער. אין א צייט ווען אפארדעביליטי שוועריגקייטן שטרענגען אייבער הויזגעזינדער און די ביזנעסער וועלכע טרייבן אונזער סטעיט'ס עקאנאמיע, זענען די פארשלאגן א פראקטישע און נויטיגע טריט אויף פאראויס. די Bronx Chamber of Commerce שטייט מיט גאווערנער Hochul (האקול) ביים פאראויס שטופן און איינפירן די וויכטיגע ענדערונגען."

**אייגנטומער פון Best Way Auto Collision of Deer Park, Inc. Ibrahim Duman (איבראהים דומען) האט געזאגט,** "פירנדיג א קאר באדי-שאפ אויף לאנג איילענג, זעהט מען ווי שווער מענטשן ארבעטן און ווי שטארק עס שטערט ווען זייערע אינשורענס קאסטן האלטן אין איין ארויפגיין. א גרויס טייל דערפון קומט צוליב שווינדלערישע קלעימס. דאס מיינט העכערע פרימיומס פאר קליענטן וואס האבן גארנישט געטוהן שלעכט. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) פארן קומען דא און נעמען די אנגעלעגנהייט ערנסטערהייט ווייל דאס איז א זאך וואס אפעקטירט אונזערע קליענטן און אונזער קאמיוניטי צו אפט."

**Phil Andrews, פרעזידענט, Long Island African American Chamber of Commerce (פיל ענדרוּס), האט געזאגט,** "שווינדלעריי איז קיינמאל נישט א פארברעכן אן קורבנות. הויכע קאר אינשורענס קאסטן האבן א ווייט-גרייכנדע השפעה אריבער די עקאנאמיע, באזונדערס אין אונזערע קאמיוניטיס דא אין לאנג איילענד. זיי שטייען אין וועג פון מענטשן פרובירנדיג צו פארבעסערן זייער עקאנאמישע צושטאנד און מאכט דאס שווערער און טייערער צו אויפהאלטן א ביזנעס, ליפערן פראדוקטן, מאכן די טעגליכע רייזע צום ארבעט, גיין אין סקול און באזוכן פאמיליע. איך לויב אויס גאווערנער Hochul (האקול) פארן זיך באנעמען מיט מענטשן וואס שפילן אויס און אביוזן די סיסטעם וועלכע טרייבן ארויף פרימיומס — און פארן ארבעטן צו מאכן קאר אינשורענס מער אפאָרדעבעל פאר שווער-ארבעטנדע לאנג איילענד איינוואוינער."

**Suffolk County Alliance of Chambers of Commerce פארזיצער, Bob Fonti (באב פאנטי), האט געזאגט,** "וואקסנדע קאר אינשורענס קאסטן וועגן אראפ אויף לאנג איילענד פאמיליעס און קליינע ביזנעסער, און גאווערנער Hochul (האקול) טוט אונטערנעמען באדייטפולע שריט דאס צו אדרעסירן. אירע פארשלאגן זיך צו שטרענג באנעמען מיט בדווקא'דיגע עקסידענטן שווינדלעריי, מאדערניזירן די סיסטעם פון אינשורענס אפגעזעהן פון שולד און פארמערן אפנקייט אין די אינשורענס

אינדוסטריע זענען פראקטישע, באלאנסירטע שריט וועלכע וועלן העלפן אראפנידערן קאסטן בשעת'ן באשיצן לעגיטימע קלעימס. אפארדעביליטי איז יסודות'דיג צו עקאנאמישע וואוקס, און די רעפארמען אנערקענען אז אינשורענס קאסטן זענען נישט בלויז אן עניין פאר פריוואטע מענטשן נאר אויך פאר ביזנעס און די ארבעטסקראפט."

**Cassandra Anderson פרעזידענט, New York Insurance Association, Inc. (קאסאנדרא ענדערסאן), CAE, האט געזאגט,** "די New York Insurance Association איז דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) פארן אדרעסירן שווינדלעריי, אביוז און איבעריגע געריכטליכע פראצעדורן כדי צו מאכן קאר אינשורענס מער אפאָרדעבעל פאר ניו יארקע דרייווערס. דאס נעמען א שטארקע שטאנד קעגן שווינדלעריי און ברענגען איבעריגע געריכטליכע פראצעדורן אונטער קאנטראל זענען גאר וויכטיג צו אדרעסירן שטייגנדע קאר אינשורענס קאסטן. מיר שטייען מיט פאליסי האלטער ביים שטיצן לייזונגען וועלכע רעדוצירן שווינדלעריי און געריכטליכע פראצעדורן און מאכן זיכער אז עס איז דא א סטאבילע און שטאנדהאפטיגע אינשורענס מארקעטפלאץ. מיר שעצן די גאווערנער'ס פירערשאפט און זענען מסכים אז שריט זענען נויטיג צו באשיצן ניו יארקער."

**קאעליציע קעגן אינשורענס שווינדלעריי (Coalition Against Insurance Fraud) עקזעקיוטיוו דירעקטאר Michelle Rafeld (מישעל רעפעלד) האט געזאגט,** "ווען שווינדלעריי ווערט אדורכגעלאזט, טוען קאנסומער באצאלן די פרייז דורך העכערע אינשורענס פרימיומס. גאווערנער Hochul (האקול)'ס פלאן אנערקענט אז בדווקא'דיגע עקסידענטן און ארגאניזירטע שווינדלעריי טאקטיקן ברענגען שאדן פאר פאמיליעס און ביזנעסער אריבער ניו יארק. די Coalition Against Insurance Fraud שטיצט שוין פון לאנג דאס פארשטערקערן די קלאגעס קעגן בדווקא'דיגע עקסידענטן אין ניו יארק. די Coalition אפלאדירט גאווערנער Hochul'ס (האקול) פארשלאג צו שטופן פאר א ביל וואס ציהלט קעגן מענטשן וועלכע ארגאניזירן בדווקא'דיגע עקסידענטן. עס איז נישט נאר א קאסטן-איינשפארנדע אנטי-שווינדל מאסנאם, נאר אויך א לעבנס-ראטעווענדע באמיאונג וואס וועט באשיצן ארנטליכע דרייווערס."

**קלאגע רעפארם אליאנס פון ניו יארק (Lawsuit Reform Alliance of New York) עקזעקיוטיוו דירעקטאר Tom Stebbins (טאם סטעבינס) האט געזאגט,** "מיר זענען דאנקבאר צו גאווערנאר Hochul (האקול) פאר איר פירערשאפט אין פארזיכערן אז אונזערע ציווילע לייעביליטי געזעצן ווערן נישט אויסגענוצט דורך שווינדלער. דורכן זיך באנעמען מיט פארשפרייטע שווינדלערייען, וועלן אירע פארשלאגן העלפן מאכן אינשורענס מער אפאָרדעבעל און אונזערע שאסייען זיכערער. זיי וועלן אויך זיכער מאכן אז די סאפיסטיקירטע שווינדלער וועלכע ארגאניזירן די טאקטיקן ווערן געברענגט צו גערעכטיגקייט און נישט נאר די שוואכערע מענטשן וועלכע ווערן רעקרוטירט אלס דרייווערס. שווינדלעריי און אביוז פון געריכטליכע שריט זענען נישט קיינע פארברעכנס אן קורבנות. אזוי ווי אנדערע סטעיטס ווי פלארידע און דזשארדזשיע פירן איין ציווילע פאראנטווארטליכקייט רעפארמען, זעהען פאליסי האלטער עכטע איינגעשפארטע געלט. מיר אפלאדירן גאווערנער Hochul (האקול) פארן לייגן ניו יארקער ערשט און אונטערנעמען באדייטפולע שריט צו באשיצן אלע פון אונז פון די באהאלטענע קאסטן פון שווינדלעריי."

**American Property Casualty Insurance Association Department וויצע פרעזידענט, Kristina Baldwin (קריסטינע באלדווין), האט געזאגט,** "APCIA לויבט אויס גאווערנער Hochul (האקול) פארן שטיין אין שפיץ ביים קעמפן פאר מאסנאמען צו אדרעסירן הינזיכטן וואס טרייבן ארויף קאסטן פאר קאר אינשורענס פרימיומס אין ניו יארק סטעיט, אריינרעכענענדיג פארשלאגן צו באקעמפן די פארשפרייטע אינשורענס שווינדלעריי וואס פלאגט קאר אינשורענס אין ניו יארק און אזוי אויך פארשלאגן צו שטופן פאר יושר'דיגקייט און קאר עקסידענט געריכט קלאגעס. דאס פארקלענערן די הינזיכטן וואס טרייבן ארויף קאסטן וועט העלפן אראפנידערן די אויסגאבן פון קלעימס און קאסטן פון געריכטליכע פראצעדורן וואס זענען א הויפט ביישטייערער צו וואקסנדע אינשורענס פרימיומס. דורכן אדרעסירן די

אנגעלעגנהייטן, קענען פאליסי האלטער למעשה בענעפיטירן פון מער סטאבילע און אפאָרדעבעל אינשורענס קאסטן, בשעת'ן זיכער מאכן אז זיי זענען באשיצן פון שווינדלעריי און איבעריגע לעגאלע קאסטן. APCIA קוקט ארויס צו ארבעטן מיט די גאווערנער און די לעגיסלאטור אויף די וויכטיגע אנגעלעגנהייטן."

**ניו יארק מעטראפאליטען טראקינג עסאוסיעישען (New York Metropolitan Trucking Association) עקזעקיוטיוו דירעקטאר Patrick Hyland (פעטריק היילענד) האט געזאגט,** "די ניו יארק מעטראפאליטען טראקינג אסאוסיעישען איז שטארק צופרידן צו זעהן ווי גאווערנאר Hochul (האקול) אדרעסירט די קריטישע נושא. אין לויף פון די עטליכע פארגאנגענע יאר, האבן אונזערע מיטגלידער זיך געמוטשעט מיט א מארקעטפלאץ מיט וויינינגער אינשורענס פירמעס און ראטע העכערונגען וואס זענען אומאויסהאלטבאר. מיר באדאנקען די גאווערנער פארן זיך איינהערן צו אונזערע זארגן, און מיר רופן אויף די לעגיסלאטור צו איינפירן די גאר-נויטיגע רעפארמען אין די 2026 ניו יארק סטעיט בודזשעט."

**טראקינג אסאוסיעישען פון ניו יארק (Trucking Association of New York) פרעזידענט Kendra Hems (קענדרא העמס) האט געזאגט,** "מיר דאנקען גאווערנאר Hochul (האקול) פאר'ן אנערקענען אז די אינשורענס עפארדעביליטי קריזיס איז נישט קיין לופטיגע נושא, נאר אן עכטע געפאר צו דשאבס, זיכערקייט און עקאנאמישע סטאביליטעט. איר פירערשאפט ביים אדרעסירן די וואקסנדע אינשורענס און געריכטליכע פראצעדורן קאסטן, און אזוי אויך שווינדלעריי, שפיגלט אפ קריטישע שריט אין ריכטונג פון האלטן ניו יארק'ס ביזנעסער אויפן שאסיי, פאליצעס אנגעפילט און אונזער ארבעטסקראפט ביים ארבעט."

**נאציאנאלע אינשורענס פארברעכנס ביראו (National Insurance Crime Bureau) אפיס פון סטראטעגיע, פאליסי און רעגירונג איינגעלעגנהייטן (Office of Strategy, Policy, and Government Affairs) סיניאר דירעקטאר פון רעגירונג אנגעלעגנהייטן Howard Handler (האוויווארד הענדלער) MPPA האט געזאגט,** "אינשורענס פארברעכנס איז נישט קיין פארברעכנס וואס שאדט נישט פאר קיינער. פאר צו לאנג האבן שווינדלער אויסגענוצט ניו יארקע פאליסי האלטער און דזשאב-שאפנדע ביזנעסער – דורך בדווקא'דיגע עקסידענטן און אנדערע טאקטיקן – און די ווירקונגען זענען נישט נאר געווען געהעכערטע קאסטן פאר יעדן איינעם נאר אויך שטעלן א סכנה צו דאס לעבן און געזונט פון די וועלכע ווערן ארייגעשלעפט אין די טאקטיקן. די National Insurance Crime Bureau אפלאדירט גאווערנער Hochul's (האקול) פארפליכטונג צו באקעמפן שווינדלערישע קלעימס און קאסטליכע לעגאלע סיסטעם אביוז, און זי מוטיגט ניו יארקע געזעצגעבער צו אונטערנעמען שריט יעצט."

**נעסאו סאפאוק פייער דיסטריקטס לעגיסלאטור קאמיטעט (Nassau Suffolk Fire Districts Legislature Committee) פארזיצער Bill Theis (ביל טעיס) האט געזאגט,** "מיר שטיצן די גאווערנאר'ס עפארדעבל אינשורענס פארשלאג, פייער דיסטריקטס האבן זיך געמוטשעט מיט וואקסנדע שוועריקייטן מיט'ן באקומען אינשורענס צוליב געהעכערטע קאסטן און וויינינגער אינשורענס פארוויידערס. די פארשלאגן וועלן זיכער מאכן אז פייער דיסטריקטס קענען אנהאלטן געהעריגע דעקונג פאר אונזער וויהיקעלס, ערמעגליכנדיג אונז צו באשיצן אונזערע קאמיוניטיס."

**Volunteers of America-Greater New York פרעזידענט און CEO, Dr. Jeffrey R. Ginsburg (דר. דזשעפרי ר. גינסבורג), האט געזאגט,** "נאָן-פראפיט ארגאניזאציעס אריבער ניו יארק זענען צוגעוואוינט צו טוהן מער מיט וויינינגער מיטלען, אבער מיר האבן געזעהן קאר אינשורענס ראטעס וואקסנדיג מיט אזויפיל ווי 50 פראצענט אין לעצטערע יארן אן א העכערונג אין פינאנצירונג וואס זאל זיך רעכענען דערמיט. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר פירערשאפט ביים אדרעסירן אפארדעביליטי פאר אלע ניו יארקער און פארן זיך נעמען צו די אורזאכן וואס ליגן ביים שורש פון וואקסנדע קאר אינשורענס ראטעס מיטן פולן קראפט. די פארשלאגן וועלן ערלויבן פאר נאָן-פראפיט

ארגאניזאציעס ווי VOA-GNY צו נוצן אונזערע מיטלען פאר אונזער הויפט מיסיע: צושטעלן האוזינג, געזונטהייט און ארבעטסקראפט אנטוויקלונג סערוויסעס פאר ניו יארקער וועלכע גייען אריבער ארימקייט."

**סאפאוק טראנספארטאציע סערוויס (Suffolk Transportation Service) פרעזידענט און CEO John Corrado (דשאן קאראדאו) האט געזאגט,** "יעדער דאלאר וואס מיר שפארן זיך אויף קאר אינשורענס קען אונז העלפן צושטעלן בעסערע סערוויס, שפארן געלט פאר ראטע-צאלער, און שטיצן אונזערע דרייווער. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) פארן אנערקענען אז ניו יארקער דארפן נישט צו באצאלן די לאנד'ס העכסטע קאר אינשורענס ראטעס און פארן האבן די קוראזש צו נעמען אויף זיך די קאמף."

**די ביזנעס קאונסיל פון וועסטשעסטער (The Business Council of Westchester) עקזעקיוטיוו וויצע-פרעזידענט און COO John Ravitz (דשאן רעוויטס) האט געזאגט,** "BCW טוט שטיצן די גאווערנאר'ס פארשלאג צו נידערן אינשורענס קאסטן, בעיקר ווען עס קומט צו באקעמפן שווינדלעריי און שווינדלער צו נידערן וויהיקעל אינשורענס ראטעס דורך אויפרישן די סטעיט'ס מאטאר וויהיקעל רויבעריי און אינשורענס שווינדלעריי פארמיידונג באורד ( Motor Vehicle Theft and Insurance Fraud Prevention Board), מוטיגנדיג די באורד צו פארשטערקערן איר באמיאונגען צו גרונטליך אויספארשן און אנקלאגן אינשורענס שווינדלעריי דורכאויס די סטעיט."

**Orange County Partnership פרעזידענט און CEO, Conor Eckert (קאנאר עקערט), האט געזאגט,** "הויכע קאר אינשורענס קאסטן שטרענגען אן הויזגעזונד בודזשעטס און העכערן די קאסטן פון טוהן ביזנעס אריבער ניו יארק, און באמיאונגען צו פארמינערן שווינדלעריי און פארמערן אפנקייט זענען וויכטיגע שריט אין ריכטונג פון א מער אפאָרדעבעל און קאנקורירנדע אטמאספערע. מיר באדאנקען די גאווערנער פאר איר קאנצענטראציע אויף די אנגעלעגנהייטן און זייערע ווירקונגען אויף ניו יארק'ס ביזנעסער און ארבעטסקראפט."

**Nonprofit Westchester עקזעקיוטיוו דירעקטארין, Jan Fisher (דזשען פישער), האט געזאגט,** "מיר זענען דאנקבאר פאר די גאווערנער'ס פארפליכטונג צו קעמפן פאר אפארדעביליטי און איר אגענדע וואס אדרעסירט די אומאויסהאלטבארע פינאנציעלע לאסט אויף ניו יארקער. זי נעמט אונטער קריטישע שריט אין ריכטונג פון פארלייכטערן פינאנציעלע לאסטן."

**LI Main Street Alliance און Vision Long Island דירעקטאר, Eric Alexander (עריק אלעקסאנדער), האט געזאגט,** "די הויכע קאסטן פון קאר אינשורענס פאר איינוואוינער און ביזנעס אייגנטימער זענען ארויפגעקומען איינמאל און נאכאמאל אלס א פראבלעם אזוי ווי מיר פרובירן צו קאנטראלירן אויסגאבן. מיינע לויבווערטער פאר גאווערנער Hochul (האקול) פארן ארויסלייגן א פארשלאג צו אראפברענגען די שווערע וואג פון די קאסטן און זיין אין איינשטימונג מיט אנדערע סטעיטס."

**אינסטיטיוטס פון עפלייעד יומען דיינעמיקס אינק ( Institutes of Applied Human Dynamics, Inc.) (IAHD) CEO Omayra Andino (אומעירא אנדינאו) האט געזאגט,** "אין די צייט וואס גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) הייבט ארויס די געברויך צו אראפברענגען קאר אינשורענס קאסטן, איז וויכטיג צו אנערקענען וויאזוי שטייגנדע הוצאות טוען אפעקטירן נאן-פראפיטס ווי IAHD און די וויכטיגע איינגעשטעלטע וועלכע שטיצן מענטשן מיט דעוועלאפמענטעל דיסאביליטיס. יעדער אומנויטיגע הוצאה טוט אנשטרענגען אונזער מעגליכקייט צו צושטעלן קוואליטעט סערוויסעס, און עס שטופט אונזער ארבעטקראפט, וואס ווערט שוין אזוי אויך באצאלט אסאך צו ווייניג פאר די פאראנטווארטליכקייטן וואס זיי טראגן, נאך נענטער צו דארפן אויסוועהלן צווישן פשוט'ע געברויכן ווי עסנווארג און בילס. מיר באגריסן באמיאונגען וועלכע מאכן ניו יארק מער עפארדעבל, און מיר מוטיגן

אנגייענדע מחשבה צו די פינאנציעלע דרוק צו וואס יומען סערוויסעס ארגעניזאציעס און די פראנט-ליניע פראפעסיאנאלען וועלכע האלטן אונזערע קאמיוניטיס שטארק זענען אויסגעשטעלט."

**הויפט גייסטליכער ביי New Hope Christian Fellowship און קאמיוניטי אקטיוויסט, בישאפ Orlando Findlayter (ארלענדאָו פינדלעיטער), האט געזאגט,** "אין א צייט ווען טאג-טעגליכע קאסטן וואקסן, טוט גאווערנער Hochul (האקול)'ס קאנצענטראציע אויף דאס רעדוצירן קאר אינשורענס פרימיומס ארויסווייזן עכטע פירערשאפט. דאס מאכן אינשורענס מער אפאָרדעבעל איז א נויטיגע טריט אין ריכטונג פון עקאנאמישע פארלייכטערונג פאר ניו יארקע פאמיליעס."

**67'טע פריסינקט קלערגי קאונסיל, אינק (The 67th Precinct Clergy Council, Inc) "GodSquad" באורד פארזיצער גייסטליכער Louis Straker, Jr. (לואי סטרעיקער, דשוניאר), האט געזאגט,** "אלס א הויפט גייסטליכער און קאמיוניטי פירער אין ברוקלין, זעה איך ערשטהאנטיג די לאסט פון שטייגנדע קאסטן און די אנגעשטרענגטקייט וואס דאס שטעלט אויף אבעטנדע פאמיליעס. ביי די 67'טע פריסינקט קלערגי קאונסיל, "The GodSquad", פארשטייען מיר אז עפארדעביליטי איז אויך א פובליק זיכערקייט נושא. דערפאר טוען מיר אפלאדירן גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פארשלאג צו נידערן קאר אינשורענס ראטעס דורך באקעמפן שווינדלעריי און צוריקשטעלן יושר'דיגקייט צו די סיסטעם, פארזיכערנדיג אז עס ארבעט פאר מענטשן און נישט פאר די וואס זוכן אויסצוניצן די סיסטעם. דאס איז די סארט פראקטישע פירערשאפט וואס אונזערע קאמיוניטיס דארפן — פירערשאפט וואס שטעלט קאנסומערס ערשט און פארגרינגערט די פינאנציעלע דרוק אויף שווער-ארבעטנדע ניו יארקער וועלכע שטייען אזוי אויך אויס א הויכע קאסט פון לעבן."

**ניו יארק באורד פון רבנים (New York Board of Rabbis) רב Joe Potasnik (דשאו פאטעסניק) האט געזאגט,** "די ניו יארק באורד פון רבנים איז שטארק אין שטיצע פון די גאווערנאר'ס פארשלאגן צו איינצוימען די קאסטן פון קאר אינשורענס. טאג-טעגליכע ניו יארקער דארפן פארבעסערונגען אין עפארדעביליטי, און די פארשלאג שטאלט דאס צו אן איינשטעלן זיכערהייט אדער שטיצע פאר באטראפענע."

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון די לאנג ביטש לאטינאו ציווילע אסאוסיעישען ( Long Beach Latino Civic Association) Helen Dorado Alessi (העלען דארעדאו אלעסי) האט געזאגט,** "די הויכע קאסט פון שווינדלערישע קלאגעס שטעלן אן אומ'ישור'דיגע עול אויף יעדער איינער. מיר שטיצן די גאווערנער'ס פירערשאפט בייים פארמינערן שווינדלעריי און האלטן די וועלכע זענען שולדיג דערין פאראנטווארטליך כדי צו העלפן אראפנידערן אינשורענס ראטעס פאר טאג-טעגליכע ניו יארקער. דאס אדרעסירן די סיסטעמאטישע קאסטן איז א נויטיגע טריט אין ריכטונג פון פארזיכערן יושר'דיגע און צוגענגליכע דעקונג פאר אלע איינוואוינער. מיט די וואקסנדע קאסטן פון לעבן ווערנדיג א באדייטנדע לאסט, זענען פאמיליעס אין לאנג איילענד באזונדערס עמפינדליך. וויבאלד קארן און טראקס זענען נאכאלס די מערסט פארלעסליכע פארעם פון טראנספארטאציע פאר אונזער קאמיוניטי, איז רעדוצירן די אינשורענס קאסטן גאר וויכטיג פאר לאקאלע עקאנאמישע סטאביליטעט."

**נאציאנאלע אליאנס אויף גייסטישע קראנקהייט ( National Alliance on Mental Illness, NYS (NAMI רעגירונג און קאמיוניטי אנגעלעגנהייטן מענעדשער James Norton (דשעימס נארטען), MCJ האט געזאגט,** "צי עס איז א מענטש וואס פארט צו אן אוטפעישענט אפוינטמענט, א קלינישען וואס פארט צו די ארבעט, אדער א פאמיליע מיטגליד וואס באזוכט א באליבטע, טוט טראנספאטאציע פארבלייבן א באדייטנדע אפהאלט פאר מענטשן וואס לעבן מיט גייסטישע געזונטהייט און סובסטאנץ באנוץ דיסארדערס. די שוועריגקייט איז ספעציעל שווער אין קאמיוניטיס אינדרויסן פון שטאט, וואו צוטריט צו ספעציאליזירטע סערוויסעס טוט אטמאל פארלאנגען צו פארן לאנגע שטרעקעס. די פארגעשלאגענע לעגיסלאציע טוט אדרעסירן אן עקזיסטירנגע לעגאלע לאך בשעת'ן באשיצן די רעכטן פון מענטשן וועלכע זענען נישט שולדיג צו באקומען פאסיגע שטיצע. דורך העלפן רעדוצירן

טראנספארטאציע-פארבינדעטע קאסטן פאר ניו יארקער, האט די פארשלאג די פאטענציאל צו אוועקנעמען א באדייטפולע שטערונג צוצוקומען צו קעיר און פארשטערקערן וועגן צו באהאנדלונג און ערהוילונג."

**די לאנג איילענד קאר באדי ריפערמען'ס עסאוסיעישען ( The Long Island Auto Body Repairmen's Association) עקזעקיוטיוו דירעקטאר Ed Kizenberger (עד קיטסענבערגער) האט געזאגט,** "מיר טיילן מיט די גאווערנאר'ס אומבויגזאמע פארפליכטונג צו די קאסנומינג פובליק און שטיצן איר באמיאונגען צו באשיצן די קאנסומער אויף יעדער וועג וואס איז נאר מעגליך."

**ניו יארק שולע באס קאנטראקטערס עסאוסיעישען ( New York School Bus Contractors Association) פרעזידענט Paul Quinn Mori (פאול קווין מארי) האט געזאגט,** "שולע טראנספארטאציע איז נישט קיין לוקסוס; עס איז א וויכטיגע פובליק סערוויס. ניו יארק פירט ארום מער שולע קינדער ווי סיי וועלכע סטעיט אינעם לאנד, און אלס א פראווײדער אינערהאלב דעם סיסטעם, זענען מיר שטאלץ צו צוגעבן צו דעם מיסיע מיט אן אויסערגעוויינליכע זיכערהייט רעקארד און אן אומבויגזאמע פארפליכטונג צו אויסגעצייכנטקייט. NYS שולע באס דרייווער גייען אריבער שטארקע טרענירונג, גרונטליכע אונטערזוכונגען, און ווערן געהאלטן צו די העכסטע פראפעסיאנאלע סטאנדארטן צו פארזיכערן די זיכערהייט פון יעדער קינד אין אונזער קעיר. די גאווערנאר'ס פארשטענדליכע רעפארמען וועלן העלפן באגרעניצן די שריט פון שווינדלער וועלכע טוען ארויפטרייבן קאר אינשורענס קאסטן און אומ'יושר'דיגערהייט ארויפלייגן דעם לאסט אויף שווער-ארבעטנדע ניו יארקער. וויבאלד שולע טראנספארטאציע איז אין גרויס טייל פינאנצירט דורך שטייער-צאלער דאלארן, טוען העכערונגען אין אפעראציע קאסטן, ספעציעל קאר אינשורענס פרימיומס, האבן א דירעקטע און באלדיגע השפעה אויף שטייער-צאלער."

**Logan Bus Company עקזעקיוטיוו דירעקטאר וויצע פרעזידענט Corey Muirhead (קארי מירהעד) האט געזאגט,** "פאר יארן, האט אויסנוצנדע ליטיגעישען פינאנסינג און ארויס-פון-קאנטראל אינשורענס קאסטן ארויסגעטריבן קעריערס פון די שולע טראנספארטאציע מארקעט. ווען אינשורערס אנטזאגן זיך פון געבן פאליסיס פאר שולע באס אפערירער, טוט עס נישט בלויז שאדן פאר ביזנעסער — עס באדראעט אונזער מעגליכקייט צו קענען ארומפירן קינדער צו און פון שולע פארזיכערטערהייט. אויב זעצט עס פאר אויף דעם גאנג, וועלן שולע דיסטריקטס לענגאויס ניו יארק זיך טרעפן מיט העכערע קאסטן, וויינציגער פראווײדערס, און ערנסטע שטערונגען אין סערוויס. מיר באגריסן דעם גאווערנאר פאר'ן אנערקענען אז סטאביליזירן די אינשורענס מארקעט איז וויכטיג צו באשיצן סטודענטן, שטיצן לאקאלע אפערירער, און פארזיכערן אז פאמיליעס קענען זיך פארלאזן אויף פארזיכערטע, געטרויבארע טראנספארטאציע יעדן טאג."

**עמהערסט טשעימבער פון האנדל (Amherst Chamber of Commerce) פרעזידענט A.J. Baynes (עי דשעי. בעינס) האט געזאגט,** "די עמהערסט טשעימבער פון האנדל איז שטארק אין שטיצע גאווערנאר Hochul's (האקול) באמיאונגען צו רעפארמירן די קאר אינשורענס אינדוסטרי, וויבאלד עס רעפרעזענטירט א קריטישע שריט אינעם ריכטונג פון מאכן דעקונג מער עפארדעבל פאר אלע ניו יארקער. ניו יארק'ס קאר אינשורענס קאסטן זענען וייטער צווישן די העכסטע אינעם לאנד, אין גרויס טייל צוליב שווינדלעריי וואס ווערט אדורכגעלאזט און אלטמאדישע סיסטעמען וועלכע מאכן עס שווער פאר אויפריכטיגע דרייווער און ארבעטסגעבער צוגלייך. דורך זיך שטרענג נעמען צו שווינדלערישע פלענער ווי אויסגעפלאנטע אקסידענטן און געפעלשטע מעדיצינישע קלאגעס, און דורך נוצן טעכנאלאגיע צו באלוינגען זיכערע דרייווער, וועלן די טוישונגען פטור ווערן פו די הויכע קאסטן וואס שווינדלער שטעלן ארויף אויף אויפריכטיגע דרייווער און ביזנעסער. נידעריגע קאר אינשורענס פרימיומס וועלן פארגרינגערן די פינאנציעלע לאסט אויף פאמיליעס און קליינע ארבעטסגעבער, ערמעגליכנדיג מער ריסאורסעס צו גענוצט ווערן צו וואקסן, אויפנעמען ארבעטער, און אינוועסטירן אינעם קאמיוניטי אנשטאטס פאר אויפגעבלאזענע ראטעס. אלס פרעזידענט און CEO, טוה איך אויסלויבן גאווערנאר Hochul's (האקול)

פארשטענדליכע צוגאנג צו פריאריטיזירן קאנסומער איבער שווינדלער און פארזיכערן אז פאראנטווארטליכע ניו יארקער האלטן מער געלט אין זייער טאשן."

**אייגנטמער פון TACS Auto Body & Service Matt Ungerer (מעט אונגערער) האט געזאגט,** "אלס די אייגנטומער פון א קליינער קאר פאררעכטונג און באדי שאפ אונטער פאמיליע אייגנטום, טוה איך אפטמאל אליינס מיטהאלטן אינשורענס שווינדלעריי און די קאסטן פון די שווינדלערישע קלאגעס טוען אפעקטירן יעדער איינער. איך אפלאדיר גאווערנאר Hochul (האקול) פאר'ן אננעמען דעם קאמף צו באקעמפן אויסגעפלאנטע אקסידענטן און זיכער מאכן אז אינשורער טוען ווייטער שיקן סיי וועלכע געשפארטע געלטער צוריק אין די טאשן פון ראטע-צאלער. די פארשלאג באדייט אז מער פון אונזערע שכנים קענען זיך ערלויבן צו האלטן זייערע קארן פארזיכערט, בלייבן אויפ'ן גאס און האלטן אין איין צוריק קומען צו א לאקאלע ביזנעס וועמען זיי געטרויען."

**גרעיטער סאפערן טשעימבער פון האנדל (Greater Suffern Chamber of Commerce) פרעזידענט Shaimi Jacob (שעימי דשעיקאב) האט געזאגט,** "וואקסנדע קאר אינשורענס פרימיומס טוען לייגן עכטע דרוק אויף ארבעטנדע פאמיליעס און קליינע ביזנעסער לענגאויס ניו יארק. אויפריכטיגע דרייווער זאלן נישט דארפן צאלן מער צוליב שווינדלערישע קלאגעס און אויסגעפלאנטע אקסידענטן. איך שטיץ די גאווערנאר'ס באמיאונגען צו באקעמפן שווינדלעריי און אדרעסירן די קאסט טרייבער וועלכע הייבן פרימיומס, העלפנדיג מאכן אינשורענס מער עפארדעבל פאר ניו יארקער."

**אזיאנע אמעריקאנע לעיבאר און קאמיוניטי ארגעניזאציע (Asian American Labor and Community Organization, AALCO) פרעזידענט Radhakrishna Mohan (ראדהאקרישנא מאוהאן) האט געזאגט,** "פאר צופיל אזיאנע אמעריקאנע פאמיליעס און לעיבאר יוניען מיטגלידער, זענען שטייגנדע קאר אינשורענס פרימיומס נישט בלויז נאך א ציפער אויף א ביל. זיי זענען נאך א לאסט אויף אזוי אויך איבערגעשטרענגטע הויזגעזונד בודשעטן. אונזערע קאמיוניטיס פארלאזן זיך אויף פארלעסליכע טראנספארטאציע צו אנקומען צו די ארבעט, שטיצן קליינע ביזנעסער, און קעיר נעמען פון פאמיליעס פון עטליכע דורות. ווען שווינדלעריי טרייבט ארויף קאסטן, טוען ארבעטנדע מענטשן באצאלן די פרייז. מיר שטיצן שטייפע שריט צו באקעמפן שווינדלערישע קלאגעס און ברענגען באדייטפולע דערלייכטערונג פאר שווער-ארבעטנדע פאמילעיס."

**די קארעאישע אמעריקאנע פאמיליע סערוויס צענטער (The Korean American Family Service Center) עקזעקיוטיוו דירעקטאר Jeehae Fischer (דשיהעי פישער) האט געזאגט,** "ביי די קארעאישע אמעריקאנע פאמיליע סערוויס צענטער (KAFSC), ארבעטן מיר יעדן טאג מיט אימיגראנט ניו יארקער וואס טוען אלעס ריכטיג—ארבעטן שווער, זיך אפגעבן מיט זייערע פאמיליעס, און פשוט פראבירן אנצוקומען צו די ארבעט, שולע און מעדיצינישע אפוינטמענטס. ווען קאר אינשורענס פרימיומס הייבן זיך, טוען זיי צום ערשט און שווערסט אפעקטירן אונזערע קאמיוניטיס. דערפאר טוט KAFSC שטיצן גאווערנאר Hochul'ס (האקול) באלאנסירטע רעפארמען צו באקעמפן ארגעניזירטע שווינדלעריי און אויסגעפלאנטע אקסידענטן, פארשטערקערן א פראנטווארטליכקייט, און ברענגען באדייטפולע דערלייכטערונג פאר פאראנטווארטליכע דרייווער—בשעת'ן באשיצן מענטשן וואס זענען לעגיטים געשעדיגט געווארן. עס קומט זיך פאר ניו יארקער א סיסטעם וואס טוט באלוינען אמת'דיגקייט, טוט ווייטער ריקן פאמיליעס, און מאכט אונזער סטעיט מער עפארדעבל פאר יעדער איינער."

**א הונדערט שווארצע מענער (One Hundred Black Men) עקזעקיוטיוו דירעקטאר Erik Cliette (עריק קליעט) האט געזאגט,** "גוטע דרייווער זאלן נישט באשטראפט ווערן צוליב די שוואכע דרייווינג אויפפירונג פון אפאר. איך בין לעצטנס געווען פארמישט אין א היט-און-ראן אקסידענט, וואס איז בין זיכער וועט אומדירעקט העכערן מיינע קאסטן, ווען איך בין למעשה דא געווען די קרבן; עס איז נישט יושר! איך שטיץ גאווערנאר Hochul'ס (האקול) קאר אינשורענס רעדוקציע לעגיסלאציע."

**בראנקס ריווער אליאנס (Bronx River Alliance) עקזעקיוטיוו דירעקטאר Siddhartha Sanchez (סידהאטרע סאנטשעז) האט געזאגט,** "אין די צייט וואס די בראנקס ריווער אליאנס טוט אקטיווערהייט שתדל'ן פאר אינוועסטירונגען אין די מעגליכקייט צו קענען פארן מיט א ביציקל און גיין צופיס אינעם בראנקס, זייענדיג די בראאו מיט די נידריגסטע קאר אייגנטומערשאפט, טוען מיר אויך שטיצן די גאווערנאר'ס פארשלאג צו רעדוצירן קאר אינשורענס ראטעס פאר נידריגע איינקונפט איינוואוינער אין די בראנקס."

**סאפאוק קאונטי פאליציי אזיאנע דשעיד סאסייעטי ( Suffolk County Police Asian Jade Society) פרעזידענט Thomas Joy (טאמעס דשאוי) האט געזאגט,** "ניו יארקער באצאלן געוויסע פון די העכסטע קאר אינשורענס פרימיומס אינעם לאנד, און שווער-ארבעטנדע פאמיליעס פילן דער דרוק דערפון. גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פארשלאגן נעמען א באלאנסירטע און פארשטענדליכע צוגאנג צו באקעמפן ארגעניזירטע שווינדלעריי, פארמערן פאראנטווארטליכקייט, און ברענגען מער דורכזיכטיגקייט צום סיסטעם. די רעפארמען וועלן העלפן באשיצן פאראנטווארטליכע דרייווער און פארזיכערן אז די שפארונגען ווערן אריבערגעפירט צו קאנסומער — נישט איינגעזאפט ערגעץ אנדערש. מיר טוען שטארק שטיצן באמיאונגען צו מאכן קאר אינשורענס מער עפארדעבל און יושר'דיג פאר אלע ניו יארקער."

**לינקאן ציווילע בלאק עסאוסיעישען (Lincoln Civic Block Association) פרעזידענט Ken Marable (קען מערעבעל) האט געזאגט,** "שווינדלער וועלכע נוצן אויס דעם סיסטעם מוזן געהאלטן ווערן פאראנטווארטליך און באשטראפט ווערן. אין די זעלבע צייט, זאלן טאג-טעגליכע דרייווינג ניו יארקער—מענטשן וואס פארלאזן זיך אויף זייערע וויהיקעלס פאר ארבעט, פאמיליע און וויכטיגע טעגליכע לעבנס געברויכן—קיינמאל נישט אריינגעצווינגען ווערן אין די אומדערטרעגליכע פאזיציע פון דארפן אויסוועהלן צווישן שטעלן גראסערי פראדוקטן אויפ'ן טיש און באצאלן פאר קאר אינשורענס אדער מעדיצינישע בילס."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן